**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2024/4/12 **גאווערנער קעטי האקול**

## אזוי ווי די ווינטער וועטער קומט אריין אריבער ניו יארק, אנאנסירט גאווערנער האקול 100 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אויספלאסטערונג אין יעדע ווינקל פון די סטעיט

***פראיעקטן צו באשיצן ניו יארק'ס שאסייען פון שעדליכע וועטער, פארשטערקערנדיג שטאנדהאפטיגקייט פון אינפראסטרוקטור אריבער די סטעיט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט 100 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון סטעיט הייוועיס אין 70 לאקאציעס אריבער ניו יארק וועלכע ווערן באטראפן דורך עקסטרעמע וועטער. מיט פראיעקט שטיצע פון דעם אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ (Infrastructure and Jobs Act), וועט די פעך איבערגעגאסן ווערן אויף א סך הכל פון 551 מיילן פון לעינס אויף סטעיט הייוועיס אין יעדן ראיאן פון די סטעיט, אפשפיגלנדיג די גאווערנער'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו איבערארבעטן און איבערפרישן ניו יארק'ס פארעלטערטע אינפראסטרוקטור אויסשטייענדיג גלאבאלע קלימאט טויש.

"צווישן עקסטרעמע היצן אין די זומער, חורבנות-אנזייענדע ווינטער שטורעמס און די אנגייענדע מעשה פון די שאסייען ווערנדיג פארפרוירן און דערנאך צולאזט איינמאל און נאכאמאל, כאפן ניו יארק'ס שאסייען אריין קלעפ פון עקסטרעמע וועטער אין אלע סעזאנען, און די אינוועסטירונג ציהלט דירעקט צו אויפפרישן טייל פון די סטעיט'ס הייוועיס וואס ווערן דאס מערסטע באטראפן דורך עקסטרעמע וועטער", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "האלטן אונזער אינפראסטרוקטור אין א גוטע מצב איז א פארזיכערטע אינוועסטירונג וואס טוט נישט נאר פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט נאר טרייבט אויך אויף עקאנאמישע אנטוויקלונג און טוריזם אריבער ניו יארק."

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation) איז שוין פארנומען מיטן זיך אפרופן צו שניי און אייז געשעענישן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. אינוועסטירונגען אין שאסיי אויספלאסטערונג אויסשטייענדיג עקסטרעמע וועטער העלפט זיכער אמכן אז סטעיט הייוועיס בלייבן אין א גוטע מצב, און זיי האבן די צוגעלייגטע בענעפיט אז עס מאכט דאס גרינגער פאר דעפארטמענט איינגעשטעלטע צו דורכפירן שניי און אייז אפעראציעס אריבער ניו יארק מער גלאטערהייט און ווירקזאמערהייט.

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגעז), האט געזאגט,** "געציהלטע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען טוהען נישט נאר פארשטערקערן די זיכערהייט פון די פובליקום — נאר אויך די שטאנדהאפטיגקייט און באפעסטיגונג פון ניו יארק'ס ברייטע נעטווארק פון שאסייען און בריקן. מיט א רעקארד-הויכע 33 ביליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פלאן פאר די טראנספארטאציע דעפארטמענט, טוט גאווערנער Hochul (האקול) אינוועסטירן מער אין ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור פון סיי ווען בעפאר. קלוגע

טראנספארטאציע אינוועסטירונגען האבן די מעגליכקייט צו צוזאמברענגען מענטשן און קאמיוניטיס , און דאס איז גענוי וואס די אינוועסטירונג אין אונזער קריטישע אינפראסטרוקטור וועט טוהן אריבער ניו יארק סטעיט."

**סענאט מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "10 מיליאן דאלאר פון אונזער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ טוהען בוכשטאבליך אויספלאסטערן די וועג צו פארמערטע זיכערהייט און שיין-באצאלטע דזשאבס, פארערכנטנדיג שפאלטן און מאדערניזירנדיג הייוועיס אריבער ניו יארק. דאס איז באזונדערס פאסיג פאר די יעצטיגע צייט, מיט די ווינטער זיך דערנענטערנדיג. דאס אינוועסטירן מיטלען צו אויפהאלטן אונזערע הייוועיס אויף די העכסטע זיכערהייט סטאנדארטן איז קריטיש צו זיכערע רייזעס פאר איינוואוינער און באזיכער און פאר די גלאטע באוועגונג פון סחורות פאר אונזערע ביזנעסער. איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קעמפן צו זיכער מאכן אז אונזערע שאסייען זענען ווי זיכער און גלאט ווי מעגליך, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס ארבעט צו אויסנוצן די פעדעראלע דאלארן פאר א גוטע צוועק."

**קאנגרעסמאן Paul Tonko (פאול טאנקאו) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו פייערן די באדייטנדע אינוועסטירונג וואס וועט העלפן קאמיוניטיס אריבער אונזער סטעיט אויסשטיין די פארמערטע שוועריגקייטן אנגעברענגט דורך עקסטרעמע וועטער. טיילוייז ערמעגליכט דורך אונזער אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ – וואס האט שוין אהערגעשטעלט מער פון 74 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן שאסייען און הייוועיס אין דעם הויפטשטאט ראיאן אליין – וועלן די מאדערניזירונגען שפילן א הויפט ראלע ביים פארמערן זיכערהייט און קוואליטעט פון לעבן פאר מיליאנען פון ניו יארקער. גייענדיג ווייטער, קען איך נישטווארטן צו זעהן וויאזוי די פארבעסערונגען וועלן פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט און טרייבן עקאנאמישע וואוקס אריבער ניו יארק סטעיט פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**קאנגרעסמאן Joe Morelle (דזשאָו מארעלי) האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזער פארעלטערטע אינפראסטרוקטור איז וועזנטליך צו פארבינדן מענטשן מיט פאמיליע מיטגלידער, סקולס, באשעפטיגונג געלעגנהייטן, העלטקעיר פראָוויידערס און אזויפיל מער. דא אין ניו יארק סטעיט, האבן מיר די עהרע צו באקומען די ערפארונג פון אלע פיר סעזאנען, מיינענדיג אז מיר מוזן אונטערנעמען באזונדערע מאסנאמען צו זיכער מאכן אז אונזערע שאסייען זענען שטאנדהאפטיג קעגן בריעדיגע זומערס, פארפרוירענע ווינטערס און אלעס אין צווישן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אויסנוצן פעדעראלע דאלארן וועלכע איך האב געהאלפן פארזיכערן צו פארשטערקערן אונזער לאקאלע אינפראסטרוקטור, און איך קוק ארויס צו אונזער פארגעזעצטע ארבעט צוזאמען."

**קאנגרעסמאן Pat Ryan (פעט רייען) האט געזאגט,** "עקסטרעמע איבערגעחזר'טע פארפרירונג און אויפלאזונג און חורבנות-אנזייענדע פארפלייצונגען אזוי ווי מיר האבן צוגעזעהן לעצטע יאר אין די האדסאן װאלי מאכן שוין אן שאדנס צו אונזערע שאסייען, און מיט די וועטער קאטאסטראפעס וועלכע קומען אמאל אין א יובל ווערנדיג אפטער און אפטער, דארפן מיר פארשטערקערן אונזער אינפראסטרוקטור יעצט. דער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור געזעץ האט געשאפן היסטארישע אינוועסטירונגען צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע שאסייען. איך בין שטאלץ אז די געלטער וועלן מאכן שאסייען גלאטער און זיכערער פאר האדסאן וואלי פאמיליעס בשעת'ן שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס אויפן וועג. איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו אהיים ברענגען מער פון די היסטארישע אינוועסטירונגען צו די NY-18 דיסטריקט."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דזשערמי קוני) האט געזאגט,** "מיט ווינטערס פון די סארט וואס מיר באקומען, איז דאס באזונדערס קריטיש אז ניו יארק זאל שטיין אין שפיץ פון וועג ווען עס קומט צו מאכן באדייטנדע אינוועסטירונגען אין אונזער אינפראסטרוקטור. דאס איז גענוי וואס די פינאנצירונג פון גאווערנער Hochul (האקול) וועט טוהן, און איך לויב אויס איר און קאמישאנער Dominguez

(דאמינגעז) פארן פארזעצן אונזער פארפליכטונג צו זיכערערע שאסייען און זיכערערע אומשטענדן פאר דרייווערס אריבער די סטעיט."

**סטעיט סענאטאר John W. Mannion (דזשאן וו. מעניאן) האט געזאגט,** "דאס פארזיכערן אינפראסטרוקטור דאלארן פאר צענטראל ניו יארק און דאס ארבעטן מיט די גאווערנער און שותפים אריבער די רעגירונג צו מאדערניזירן שאסייען און בריקן האבן באקומען הויכע פריאריטעט דורכאויס מיין צייט אין די סטעיט סענאט. די 100 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף איבער 500 מייל פון סטעיט הייוועיס וועט האלטן אונזערע שאסייען זיכער און אין די בעסטע מצב וואס נאר מעגליך פאר אונזערע איינוואוינער און באזיכער."

**אסעמבלי מיטגליד William Magnarelli (וויליאם מאגנארעלי) האט געזאגט,** "דאס אינוועסטירן אין אונזערע הייוועיס ווידערהאלט ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו באשיצן און פארשטערקערן אונזער אינפראסטרוקטור אריבער די סטעיט. די שותפות וואס מיר האבן מיט גאווערנער Hochul (האקול) און מיט די טראנספארטאציע דעפארטמענט ווייזט ארויס די שטיצע פאר פראגראמען וואס פארמערן די זיכערהייט און קוואליטעט פון לעבן פאר די רייזנדע פובליקום."

די פולע ליסטע פון לאקאציעס וואו די פעך וועט איבערגעגאסן ווערן אנגעהויבן קומענדיגע פרילינג איז ווי פאלגנד:

**הויפטשטאט ראיאן (10.4 מיליאן דאלאר)**

- 1.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 85 פון די Cherry Ave ראַונד-עבאַוט ביז די Blessing Rd ראַונד-עבאַוט, טאון אָוו בעטלעהעם (Bethlehem), אלבאני קאונטי.
- 1.4 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 144 פון Route 9W ביז די אלבאני קאונטי גרעניץ, טאון אָוו ניו באלטימאר, גרין קאונטי.
- $833,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 4, פון Route 9 און Route 20 ביז Route 151, טאון אָוו איסט גרינבוש, רענסעלעיר קאונטי.
- $857,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 66, פון Route 43 ביז Old Route 66, טאון אָוו סענד לעיק, רענסעלעיר קאונטי.
- $143,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 50 פון Route 5 ביז Bruce Street, ווילעדזש אָוו סקאָושע (Scotia), סקענעקטעדי קאונטי.
- 1.8 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 9 פון Route 8/Loon Lake ביז Valley Farm Road, העמלעט אָוו טשעסטערטאון,ווארען קאונטי.
- 1.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 28 פון Adirondack Park Road ביז די האדסאן ריווער, טאון אָוו דזשאנסבורג, ווארען קאונטי.
- $305,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 67 פון די קאונטי גרעניץ ביז Route 22 אין די טאון אָוו ווייט קריק (White Creek), וואשינגטאן קאונטי.
- 2.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 9J פון Route 9 ביז County Route 26A אין די טאונס אָוו סטאַקפּארט און סטויוועסענט (Stuyvesant), קאלאמביע קאונטי.

**נארט קאנטרי ראיאן (9.9 מיליאן דאלאר)**

- 2.4 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 73 פון די קעסקעיד מאונטעין טרעיל שפיץ ביז Liberty Hill Lane, טאון אָוו נארט עלבא (North Elba), עסעקס קאונטי.
- $927,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 190 פון די פרענקלין קאונטי גרעניץ ביז א פונקט 1.6 מייל מערב פון Brandy Brook Road אין די טאון אָוו עלענבורג, קלינטאן קאונטי.

- 1.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 374 פון די העמלעט אָוו ברעינאַרדסוויל ביז די ווילעדזש אָוו שעטעגעי אין די טאונס אָוו בעלמאנט און שעטעגעי, פרענקלין קאונטי.
- $989,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 3 פון די אסוויגאָו קאונטי גרעניץ ביז Hessel Road אין די טאון אָוו עליסבורג, דזשעפערסאן קאונטי.
- $965,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 58 פון די העמלעט אָוו פיין ביז Route 23 אין די טאונס אָוו עדווארדס און פיין, סעינט לאורענס קאונטי.
- $285,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 184 פון Route 10 ביז Route 812 אין די טאון אָוו דעפּעיסטער (DePeyster) און אין די ווילעדזש און טאון אָוו היוועלטאן (Heuvelton), סעינט לאורענס קאונטי.
- $330,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 3 פון די העמלעט אָוו גרעיט בענד ביז די בריק העכער די בלעק ריווער אין די טאון אָוו טשעמפּיאן, דזשעפערסאן קאונטי.
- 1.3 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 11 פון די מזרח ווילעדזש אָוו גאווערנער (Gouverneur) גרעניץ ביז Bristol Road אין די טאון אָוו גאווערנער (Gouverneur), סעינט לאורענס קאונטי.
- $505,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 374 פון א פונקט 0.3 מייל מערב פון Sunset Road ביז Church Pond Road אין די טאון אָוו דענעמאורע (Dannemora), פרענקלין קאונטי.
- $479,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 421 פון Warren Point Road ביז Route 30 אין די טאון אָוו פיערספיעלד, סעינט לאורענס קאונטי.
- $597,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 58 פון Route 23 ביז Harmon Road אין די טאון אָוו עדווארדס, סעינט לאורענס קאונטי.

**מאוהאק וואלי ראיאן (4.3 מיליאן דאלאר)**

- 1.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 5 פון Mary Street ביז Tilton Road, טאון אָוו פּעלעטין (Palatine), מאַנטגאָמרי קאונטי.
- 2.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 20 פון Beaver Creek Road ביז Brothertown Road, טאון אָוו סענגערפיעלד, ווארען קאונטי.
- 1.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 20 און Route 28 אין די ווילעדזש אָוו ריטשפיעלד ספּרינגס און טאון אָוו ספּרינגפיעלד, אָטסעיגאָו קאונטי.

**צענטראל ניו יארק ראיאן (10.8 מיליאן דאלאר)**

- 2.2 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 26 פון Vrolyk Road אין די טאון אָוו דזשארדזשטאון ביז Eaton Brook Road אין די טאון אָוו איטאן, מעדיסאן קאונטי.
- $600,000 צו איבערגיסן די פערך אויף Route 13 (Cortland Street און Utica Street) אין די ווילעדזש אָוו דערויטער (DeRuyter), מעדיסאן קאונטי.
- 1.3 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 104 פון די מעקסיקא איסט ווילעדזש גרעניץ ביז Interstate 81, טאון און ווילעדזש אָוו מעקסיקא, אסוויגאָו קאונטי.
- 1.6 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 104 פון די קאַיוגע קאונטי גרעניץ ביז Route 104A, טאון אָוו אסוויגאָו, טאון און ווילעדזש אָוו העניבעל (Hannibal), אסוויגאָו קאונטי.
- 2.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 5/20 פון די סענעקא קאונטי גרעניץ ביז Route 326, טאון אָוו אָוריליוס (Aurelius), קאַיוגע קאונטי.
- 684,000 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פערך אויף Route 26 פון די ברום קאונטי גרעניץ ביז Route 41 אין די טאון אָוו ווילעט, קאָרטלאנד קאונטי.[sic]

- 1.8 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 174 פון Lee Mulroy Road ביז Main Street אין מארסעלוס (Marcellus) און פון Main Street ביז West Genesee Street אין קאמילוס (Camillus) אין די טאונס און ווילעדזשעס אָוו מארסעלוס (Marcellus) און קאמילוס (Camillus), אָנאָנדאַגאַ קאונטי.
- $500,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route [931B (State Fair Boulevard)] פון Route 297 ביז Pump House Road אין די טאון אָוו געדעס (Geddes), אָנאָנדאַגאַ קאונטי.

**פינגער לעיקס ראיאן (13.5 מיליאן דאלאר)**

- 1.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 96 פון Route 366 ביז די ווילעדזש אָוו וואָטערלו, טאון אָוו פעיעט (Fayette), סענעקא קאונטי.
- 2.6 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 77 פון Interstate 90 ביז Route 63 און Route 63 פון Route 77 ביז די צפון גרעניץ פון די איראָקוואַ נאציאנאלע ווילדע באשעפענישן באשיצטע שטח, דזשענעסי און ארליענס קאונטיס.
- 1.4 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 31A פון Hulberton Road ביז Redman Road, ארליענס און מאנראו קאונטיס.
- 2.3 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 39 פון די ווילעדזש אָוו דזשענעסיאָו ביז די ווילעדזש אָוו עוואן, ליווינגסטאן קאונטי.
- $683,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 943C און 253 פון Route 64 ביז Route 65, מאנראו קאונטי.
- 2.6 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 259 פון Interstate 490 ביז Route 104, מאנראו קאונטי.
- 2.4 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 20A פון די העמלעט אָוו ווערי‍סבורג ביז די ווילעדזש אָוו וואָרסאו, ווייאָומינג קאונטי.

**מערב ניו יארק ראיאן (10.6 מיליאן דאלאר)**

- 1.8 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף אינטערסטעיט 86 אין מערב-ריכטונג פון עקזיט 24 ביז עקזיט 26, קעטערעגוס קאונטי.
- 1.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 62 פון Gable Street ביז די ווילעדזש אָוו גאָוואַנדע, קעטערעגוס קאונטי.
- 1.4 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 474 פון Route 76 ביז Eddy Road, שעטאַקווע קאונטי.
- $709,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 60 פון די דזשעימסטאון סיטי גרעניץ ביז די Washington Street בריק, שעטאַקווע קאונטי.
- $590,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route [952Q (Walden Avenue)] פון Transit Road ביז Central Avenue, ערי קאונטי.
- $180,000 צו איבערגיסן די פעך אויף די Virginia און Carolina ראמפעס ארויף צו Interstate 190, סיטי אָוו באפעלאו.
- $125,000 צו איבערגיסן די פעך אויף די Busti Avenue ראמפע ארויף צו Interstate 190, סיטי אָוו באפעלאו.
- $637,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 20A פון קעזענאָוויע קריק ביז עלמוואוד, ערי קאונטי.
- $263,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 39 פון Belscher Road ביז Clark Street, ערי קאונטי.
- $263,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 39 פון ניומען ביז Route 240, ערי קאונטי.

- ‏$650,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 277 פון Route 391 ביז Chestnut Ridge Park, ערי קאונטי.
- ‏$808,000 צו איבערגיסן די פעך אויף (Bypass) Route 93 פון Route 31 ביז Robinson Road, ניאגרא קאונטי.
- ‏$660,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 182 פון Route 62 ביז Packard Road, ניאגרא קאונטי.
- ‏$720,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 93 פון Raymond Road ביז Akron Road, ניאגרא קאונטי.
- ‏$275,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 446 פון די קעטערעגוס קאונטי גרעניץ ביז די ווילעדזש אָוו קיובע גרעניץ, אלעגאני קאונטי.
- ‏$200,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 446 און Route 305, אלעגאני קאונטי.
- ‏$225,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 19 פון Gleason Hill Road ביז Gulf Road, טאון אָוו בעלפעסט, אלעגאני קאונטי.

**סאוטערן טיער ראיאן (12.9 מיליאן דאלאר)**

- ‏2.3 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף אלע פיר ראמפעס און די רעסט עיריע ביי עקזיט 37 אויף Interstate 86, סטיובען קאונטי.
- ‏$250,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 415 און Route 352, סטיובען קאונטי.
- ‏2.3 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 961M, טשימאָנג קאונטי.
- ‏1.7 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 11 פון די העמלעט אָוו קעסטל קריק ביז Joyner Road, אין די טאונס אָוו שענענגאָו און באַרקער, ברום קאונטי.
- ‏2.3 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 38 פון די ווילעדזש אָוו נוארק וואלי ביז די העמלעט אָוו בערקשייער (Berkshire) אין די טאונס אָוו נוארק וואלי און בערקשייער (Berkshire), טייאָגע קאונטי.
- ‏$876,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 10 און 23 אין די ווילעדזש אָוו סטעמפארד און אין די טאון אָוו האַרפערספילד, דעלעווער קאונטי.
- ‏$534,000 צו איבערגיסן די פעך אויף Route 30 און 206 אין די העמלע אָוו דאַונסוויל, טאון אָוו קאלטשעסטער, דעלעווער קאונטי.
- ‏1.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 320 פון Route 12 ביז County Road 29 אין די טאונס אָוו נארוויטש און נארט נארוויטש, שענענגאָו קאונטי.
- ‏1.1 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 26 פון Overlook Drive ביז די קאָרטלאנד קאונטי גרעניץ אין די טאון אָוו טרייענגל, ברום קאונטי.

**מיד-האדסאן ראיאן (16.5 מיליאן דאלאר)**

- ‏7.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף די Taconic State Parkway פון Route 55 ביז Tyrrel Road אין די טאַונס אָוו פלעזענט וואלי און לאגראנדזש, דאָטשעס קאונטי.
- ‏3.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 312 פון מערב פון די Metro North Railroad ביז Route 22 אין די טאון אָוו סאַוטאיסט אין פּאָטנעם קאונטי.
- ‏3.5 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 52 צווישן Johns Estate Road אין די טאון אָוו שאוואנגאנק (Shawangunk), אָלסטער קאונטי, ביז Black Hawk Road אין די טאון אָוו קראָופאָרד (Crawford), אראנדזש קאונטי.
- ‏2 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 97 פון די טאָסטען טאַון גרעניץ ביז County Road 114, אין די טאון אָוו קאשעקטאן (Cochecton), סאָליוען קאונטי.

**לאנג איילענד ראיאן (7 מיליאן דאלאר)**

- 7 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף 27 South Service Road צווישן Route Pond Road און Route 97 אין די טאון אָוו אייסליפ, סופאָלק קאונטי.

**ניו יארק סיטי ראיאן (4 מיליאן דאלאר)**

- 4 מיליאן דאלאר צו איבערגיסן די פעך אויף Route 908B (Jackie Robinson Parkway) אין מערב-ריכטונג צווישן Central Avenue און Grand Central Parkway/Van Wyck Expressway (Kew Gardens Interchange) אין די סיטי אָוו ניו יארק, קינגס און קווינס קאונטיס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן